# פרשת מקץ כ"ד – ל' כסלו תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת מקץ***

בתפלת שחרית עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **מנחם שמואל רובין** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

בשעות אחר הצהרים נכנס אל **רבינו שליט"א הגה"צ רבי יוסף כ"ץ שליט"א אב"ד דושינסקיא וומסב**"ג ומסר את ספר החדש **בגדי כהן** מאת אביו **הגה"צ אב"ד דושינסקיא זצ"ל** דברי תורה שהשמיע ברבים במשך שנות חייו.

בשעות הערב (ליל א' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. קוטב הדברי תורה נסבו בענין ברכה במקום שנעשה נס, ובחנוכה מברכין גם על זמן הנס. והגם שלא מצינו שיברכו ברכת הנס במקום המקדש שנעשו בו הרבה נסים, והטעם כיון שהיתה לצורך גבוה, ובחנוכה צריכין לומר שמברכין ברכת הנס על ניצוח המלחמה לצורך ישראל. ומה שמדליקין נרות משום ניצוח המלחמה, כיון שרק על ידי קיום מצות הדלקת הנרות בבית המקדש היתה קיום לניצוח המלחמה, וכמו שכתוב **בב"ח** (סימן תר"ע) בשם המדרש שלכן טימאו כל השמנים שידעו היוונים שמצוה זו יעמוד להם.

**רבינו שליט"א** המשיך בזה, שהגם שלברך על הנס צריכין לראות מקום הנס, יש לומר כי בהיות שהדלקת נרות חנוכה הוא המשך להדלקת הנרות במקדש כמבואר **ברמב"ן** (פ' בהעלותך) בודאי נמשך קדושת המקדש ועבודת הכהונה בבית שמדליקין נרות חנוכה, ושפיר נחשב כבמקום שנעשה שם הנס.

*

***יום שני פרשת מקץ***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם געלב** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **אברהם יצחק קיש** הי"ו, שהתקיים באולם רויאל מענאר.

בשעות הערב (ליל ב' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. תוכן הדברי תורה נסבו בביאור הטעם שנוהגין שלא לעשות מלאכה בשעה שהנרות דולקין, ויש נוהגין שאין עושין מלאכה ביום הראשון (הובא במג"א סימן תר"ע). וביאר בזה דהנה בימי היוונים נתבטלה עבודת הקרבנות כמה שנים, ואם כן היו רבבות מישראל שהוצרכו להשלים בחנוכת המזבח את קרבנותיהם, קרבן זבות ויולדת וחייבי חטאות ואשמות ותודה וכו', ומבואר בתוספות (פסחים נ.) דיחיד שמביא קרבן אסור באותו יום בעשיית מלאכה, ולזכר לזה אין עושין מלאכה ביום א' דחנוכה זכר לחנוכת המזבח, שבטלו הרבה מישראל ממלאכה.

והוסיף עוד, כי בהיות שבאו פריצים וחיללו קדושת המקדש כמבואר **ברמב"ן במלחמות** (עבודה זרה נ:), יש לומר שכמו בחנוכת מקדש ראשון הקריב שלמה קרבנות ציבור (מועד קטן ט.), כמו כן עשו עתה שחינכו המקדש מחדש בקרבנות ציבור, ובתוספות (פסחים שם) כתבו דמה שלא ביטלו ישראל ממלאכה ביום הקרבת קרבן התמיד, משום דאי אפשר לבטל ממלאכה כל יום ויום דכתיב ואספת דגנך ע"ש, אולם יש לומר דכעת שהקריבו קרבנות ציבור ביטלו כל ישראל ממלאכה, ולזכר לזה נהגו שאין עושין מלאכה ביום הראשון.

*

***יום שלישי פרשת מקץ***

בשעות הצהרים שימש **רבינו שליט"א** ככהן אצל הפדיון הבן של בן הר"ר **ליפא פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם בעדפארד פערעדייס.

בשעות הערב (ליל ג' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בדברי תורה דיבר **רבינו שליט"א** בענין חנוכת הקדש בימי שלמה, שחגגו ז' ימים של שמחה באכילה ושתיה, ובהיות שגם בימי היוונים חגגו חנוכת המקדש, על כן נקראו ימי שמחה (רמב"ם חנוכה ג-ג), זכר לשמחת חנוכת הבית בימים ההם. ומצינו במקדש ראשון שאכלו גם ביום הכיפורים, ומבואר **בחתם סופר** (פ' פקודי קסה.) שהיתירו בזה כיון שהיתה האכילה רק לצורך גבוה בלי הנאת הגוף ע"ש בארוכה. ולזה יש חיוב ריבוי הסעודות בחנוכה בשירות ותשבחות, לשמוח בשמחתו של מקום, שרק בשמחה כזו נקרא האכילה ושתיה מצוה.

***יום רביעי פרשת מקץ***

בשעות הצהרים מילאו מאות ילדי התשב"ר של מוסדותינו הק' וויליאמסבורג - בארא פארק - מאנסי את היכל בית מדרשנו בוויליאמסבורג, כולם התאספו יחד למעמד ומסיבת חנוכה בראשות **רבינו שליט"א**.

הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א מנהל הת"ת בוויליאמסבורג פתח את המעמד, וכיבד את המלמד הרב **ישעי' יעקב שאהן** שליט"א, וג' תלמידים מהג' מוסדות, לישא מדברותיהם. אחר פרקי שיר וזמירות לכבוד היום, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לילדי המוסדות. עם סיום המעמד עברו כל תלמידי התתי"ם לקבל מעות חנוכה מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**א** פרייליכן חנוכה פאר אלע תלמידים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען לכבוד די מסיבה פון חנוכה. יעדער ווייסט וואס חנוכה איז, מען האט פריער שיין ארויסגעברענגט וואס מען דארף זיך אראפלערנען. די חכמים האבן מתקן געווען צו צינדן נרות חנוכה, כדי מען זאל געדענקען דעם נס וואס דער אייבערשטער האט געמאכט פאר יודען בימי היוונים. עס איז אבער נישט גענוג צו געדענקען אז עס איז געווען אמאל א נס, שעשה ניסים 'לאבותינו', און עס האט נישט קיין שייכות מיט מיר, עס איז א זאך וואס איז געווען, איך געדענקט נאר די ניסים וואס דער באשעפער האט געטון אמאל פאר אונזערע עלטערן. נאר יעדן יום טוב דארף זיך א מענטש אראפלערנען וואס עס איז נוגע פאר אים פון דעם ענין פון חנוכה. וואס דארף עס ביי מיר טוישן אין מיין עבודת ה', ווען איך לערן זיך אראפ פון דער ענין פון חנוכה.

**מיר** ווייסן אז דער יום טוב חנוכה איז, ווייל די יוונים האבן שולט געווען אויפן בית המקדש, להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, זיי האבן געוואלט אראפפירן יודען פונעם ריכטיגן וועג, ביז עס זענען געקומען די בני חשמונאים, און זיי האבן מלחמה געהאלטן, און זיי האבן געזיגט די מלחמה, און נאכדעם האט דער אייבערשטער געמאכט דעם נס פון די נרות פון בית המקדש. דאס איז געווען א זאך וואס איז נישט מעגליך מיטן שכל צו פארשטיין, ווי אזוי מען איז ארויסגעגאנגען צו א מלחמה אקעגן די יוונים. רש"י זאגט אין סוף פרשת וזאת ברכה (לג-יא), אז די יוונים זענען געווען א מיליטער פון צענדליגער טויזנטער געשולטע סאלדאטן, און די בני חשמונאי זענען געווען דרייצן מענטשן! אלעזר, מיט נאך צוועלף פון די בני חשמונאי. דרייצן מענטשן זענען ארויסגעגאנגען פירן א מלחמה מיט צענדליגער טויזנטער גוים! עס נישט מעגליך אז מען זאל געווינען אזא מלחמה בדרך הטבע, און עס איז נישט מעגליך אפילו צו פארשטיין ווי אזוי מען גייט ארויס מעיקרא אין א מלחמה, ווען מען ווייסט אז מען וועט פארלירן. ווי איז מעגליך אז מען זאל קענען געווינען אזא מלחמה?

**נאר** די בני חשמונאי האבן געהאט מסירת נפש! זיי האבן געוואוסט אז די גאנצע יודישקייט ווענדט זיך יעצט, צו מען וועט זיגן די מלחמה, צו נישט. אז נישט האבן מיר פארלוירן אלעס. אז עס איז נישט דא קיין תורה, איז נישט דא קיין יודען, עס איז נישט דא קיין בית המקדש, אלעס שטעלט זיך אפ. ווען עס קומט צו א צייט וואס א מענטש קען אלעס פארלירן, נעמט ער זיך צוזאם אלע זיינע כוחות וואס ער האט, און ער קוקט נישט צו איך וועל יא געווינען, צו נישט געווינען. איך האב ממילא גארנישט וואס צו פארלירן, ער גייט ארויס פירן א מלחמה. זיי האבן געהאט מסירת נפש אויפצוהאלטן תורה. און אין הימל איז זייער חשוב ווען א מענטש האט מסירת נפש פאר תורה.

**האט** דער אייבערשטער געוואלט ווייזן די הנאה וואס ער האט, פון וואס מען איז ארויסגעגאנגען פירן די מלחמה, אז ער האט געמאכט א נס חוץ לדרך הטבע, אז עס זאל קענען זיין אויל צו צינדן די מנורה. מען האט מטמא געווען אלע שמנים, און מען האט געטראפן א פך שמן להדליק, און עס איז געשעהן א נס, אז מען האט פון דעם געצינדן אכט טעג.

**דאס** לערנט אונז, אז **א מענטש טאר זיך קיינמאל נישט מייאש זיין! נישט טראכטן איך בין שוין פארפאלן, איך קען שוין ממילא נישט, איך בין שוין אזוי אדורכגעגאנגען א יאר און נאך א יאר, איך האב נישט מצליח געווען, און ער גיט אויף. מען טאר קיינמאל נישט אויפגעבן!** די בני חשמונאי לערנען אונז, אז אפילו ווען עס איז נישט פארשטענדליך בדרך הטבע אז מען זאל קענען זיגן די מלחמה, פון דעסטוועגן דאך ווען עס האט צו טון מיט

יודישקייט, גייט א מענטש ארויס אין א מלחמה, און ער קוקט נישט, און ער איז זיך נישט מייאש.

**און** עס איז זיי געלונגען. אז זיי האבן זיך נישט מייאש געווען, איז הבא לטהר מסייעין אותו (שבת קד.). ווען א מענטש וויל זיך מטהר זיין, האט ער א הילף פון הימל. דער באשעפער האט געהאלפן חוץ לדרך הטבע, אז זיי האבן געזיגט די מלחמה, און ער האט געטון נאכדעם ניסים וואס עס איז שלא כדרך הטבע, און מען האט געקענט צינדן די נרות אין בית המקדש. און דאס דארף זיך א יוד מיטנעמען פון דעם נס פון חנוכה. נישט נאר סתם צו געדענקען אז עס איז געווען אמאל א נס ביי יודען, און איך מאך א זכר דערויף. נאר שעשה ניסים לאבותינו בימים ההם 'בזמן הזה', די סארט ניסים איז אויך דא בזמן הזה. אסאך מאל זעהט מען, אז מען איז נישט מצליח, אבער אז ער לאזט נישט נאך, און ער שלאגט זיך, און ער פרובירט זיך מתגבר זיין, צום סוף גייט ער ארויס, אז ער זיגט און ער שטייגט. און דאס איז דער לימוד וואס מען דארף אראפלערנען פון נרות חנוכה.

*

**מען** פרעגט א קשיא, ווי אזוי האבן זיי מטמא געווען די שמנים? א יוד קען מטמא זיין, א גוי איז נישט מטמא. ביי א יוד איז דא טומאה, אבער א גוי קען נישט מטמא זיין א צווייטע זאך. ווי אזוי האבן זיי געקענט מטמא זיין די שמנים. אויף דעם איז דא איינע פון די תירוצים, אז די חכמים האבן גוזר געווען אז א גוי איז מטמא טומאת זב. א גוי, וואס רירט צו, איז כאילו ער האט געהאט אויף זיך א טומאה, און ער קען עס מטמא זיין. עס איז נאר א טומאה דרבנן, עס איז נישט דא קיין טומאה מן התורה ביי א גוי.

**פארוואס** האבן די חכמים מתקן געווען די גזירה? שטייט אין די גמרא (שבת יז:), ווייל מען האט נישט געוואלט אז א יוד זאל זיך חבר'ן מיט א גוי. און דורכדעם וואס מען וועט זאגן אז ווען א גוי רירט עפעס צו, איז עס טמא, און יודען געבן אכט אויף טהרה, וועט ער שטענדיג שטיין ווייט פון דעם גוי. עס וועט זיין סאש"ל דיסטענ"ס. ער וועט נישט שטיין אין זיינע ד' אמות, ווייל ער וועט מורא האבן אז דער גוי וועט צורירן, און אז דער גוי רירט צו, ווערט מען טמא, און מען וועט ווערן אפגעזונדערט פונעם גוי. די גאנצע טומאה וואס מען האט מטמא געווען די שמנים,איז נאר געווען א טומאה דרבנן.

**דער** הייליגער **חתם סופר** (שבת כא:) זאגט, אז די חכמים האבן זיך געקווענקלט וואס מען זאל טון. דא שטייט א מצוה דאורייתא צו צינדן די מנורה, און דא איז דא אויל וואס איז כשר מן התורה צו צינדן, נאר מדרבנן קען מען עס נישט צינדן, אפשר דארף מען מבטל זיין דעם טומאה דרבנן, כדי מען זאל קענען מקיים זיין א מצוה מן התורה. און זיי האבן זיך געדינגען ווי אזוי די הלכה איז, צו מען מעג צינדן מיט דעם אויל, צו נישט. דער אייבערשטער האט אבער געוואלט ווייזן, ווי עס איז באליבט ביי אים די גזירה פון די חכמים, אז מען האט געזאגט אז א גוי איז מטמא, כדי א יוד זאל זיך נישט חבר'ן צוזאמען מיט א גוי, האט ער געמאכט א נס, אז מען זאל נישט דארפן נוצן דעם אויל, מחזק צו זיין די טומאה וואס די חכמים האבן ארויפגעלייגט.

**דאס** מיינט אז חנוכה לערנט אונז נאך א זאך. פארוואס האט אויסגעפעלט דער גאנצער נס, א גוי קען דאך נישט מטמא זיין מן התורה, מען האט געקענט נוצן די אויל. נאר ווייל די חכמים האבן געזאגט אז עס איז טמא, כדי מען זאל זיך נישט חבר'ן צוזאמען מיט א גוי, אויף דעם האט דער אייבערשטער געמאכט א נס, מחזק צו זיין די ווערטער פון די חכמים.

**און** דאס איז דער מוסר השכל. **א יוד דארף שטענדיג האבן א גוטן חבר!** חבר אני לכל אשר יראוך ולשומרי פקודיך (תהלים קיט-סג), א חבר איז ווער עס פירט זיך אויף ערליך, לכל אשר יראוך, איינער וואס האט מורא פונעם אייבערשטען, ולשומרי פקודיך, ער האלט די תורה, דער איז מיין חבר! **אויב איינער פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, דארף מען זיך דערווייטערן פון אים. דאס איז נישט מיין חבר. איך קען אמאל זיצען צוזאמען מיט אים אין חדר, ער קען זיין מיין שכן אויף דער גאס, איך קען זיך שפילען מיט אים, איך קען זיין אין קעמפ צוזאמען מיט אים, אבער אים אויסצוקלויבן אלץ א חבר, דארף מען אייביג אויסקלויבן נאר איינער וואס איז בעסער פון דיר, נישט שוואכער פון דיר. מען דארף אייביג זוכן א גוטע חברותא.** אזוי ווי דער אייבערשטער האט געמאכט דעם נס ביי חנוכה, ווייל ווען מען חבר'ט זיך מיט א

גוי, וועט מען צום סוף ווערן ווי א גוי, ווייל הרבה חברותא עושה (סוטה ז.), חברותא ברענגט אז מען לערנט זיך אראפ איינער פונעם צווייטן. דאס לערנט אונז חנוכה, אז דער אייבערשטער האט געמאכט א נס צו האלטן די גזירות חכמים, נישט זיין נאנט צו איינעם וואס פירט זיך נישט על פי תורה, נאר זיין א חבר מיט דעם וואס פירט זיך ערליך.

**ב"ה** מען זיצט צוזאמען מיט אזעלכע חשוב'ע קינדער, חשוב'ע בחורים, וואס יעדער איינער וויל דאך שטייגן אין תורה, לאמיר זיך מיטנעמען די צוויי ענינים וואס מען האט גערעדט יעצט פון חנוכה. איינס, אז מען זאל וויסן אז מען טאר קיינמאל נישט אויפגעבן! ווי אזוי עס איז, אפילו עס איז א מלחמה, און א שווערע מלחמה, גיט מען נישט אויף, און מען פירט א מלחמה זיך צו האלטן און שטייגן, און צום סוף געווינט מען די מלחמה, אזוי ווי עס איז געווען ביי די חשמונאים, דרייצן מענטשן האבן געזיגט צענדליגע טויזענטער געשולטע סאלדאטן.

**די** צווייטע זאך וואס דער נס פון חנוכה האט אונז געלערנט, אז דער אייבערשטער האט געוואלט די גזירה פון די רבנן, אז א גוי זאל מטמא זיין, כדי נישט צו האבן קיין שייכות מיט א גוי. דאס איז נישט נאר געזאגט געווארן אויף א גוי, נאר יעדער איינער וואס גייט אוועק פון דרכי התורה, דאס איז נישט מיין חבר. מיין חבר איז איינער וואס פירט זיך ערליך און גייט בדרכי התורה, לערנט, דאווענט, טוט מצות ומעשים טובים, דער האט א חשיבות אין מיינע אויגן, מיט דעם וויל איך זיך חבר'ן.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען אנצינדן די נר מצוה ותורה אור, וואס אויף דעם ווייזט דאך די מנורה. מען זאל קענען לייכטן און שיינען אין תורה און אין יראת שמים, און מיר אלע זאלן זוכה זיין בקרוב צו צינדן די מנורה בבית מקדשנו, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב (ליל ד׳ דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** בדברי **החתם סופר** בטעם ששלמה המלך עשה בעת חינוך המקדש שמחה ומשתה ביום הכיפורים, דבאמת לאכול ביום הכיפורים לשם מצוה אם אדם יוכל לכוין כל מחשבתו לכבוד ה׳ בלי שום כוונה אחרת להנאת הגוף, אזי הוא צורך גבוה כמו קרבנות נשיאים, ועוד טוב ממנו, ויפה דנו קל וחומר, אך מי יכול לעמוד בזה כי אם גדולי ישראל, ויצאה בת קול כולכם מזומנים לחיי העולם הבא, העיד הקב"ה עליהם שאחד מהם לא נעדר שאכל שלא כראוי.

**ורבינו שליט"א** דן אי אכילה בשמחת הבית, דוחה חיוב כרת של יום הכיפורים, דומה למצות יבום שדוחה החיוב כרת של אשת אח, ולדעת אבא שאול אין חיוב כרת נדחה רק כשמקיים המצוה כולו לשם שמים. אבל לחכמים נדחה חיוב כרת של אשת אח, בכל אופן שמקיים המצוה, גם שלא לשם שמים. וכיון שדין זה לא היה ברור בבית המדרש, דמעיקרא סברי כאבא שאול ולבסוף כחכמים, על כן מתחלה אכלו ביום הכיפורים דסמכו על שיטת חכמים, ושוב היו דואגים דלמא הלכתא כאבא שאול. - ואף דהתם דרשו בזה קראי, דאבא שאול דרש ויבמה רק למצוה, וחכמים דרשו יבמה יבא עליה מכל מקום, עם כל זה יתכן שגילתה שם תורה לכל כיוצא בזה, אי חיוב כרת נדחה כאשר עושהו שלא לשם שמים, והאריך בזה בפלפול בכמה אנפין.

*

***יום חמישי פרשת מקץ***

בשעות הערב (ליל ה׳ דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. בדברי תורה האריך **רבינו שליט"א** בדברי המפרשים איך נטמאו השמנים הא משקי בי מדבחיא דכן, ותירצו דכיון דבאו בה פריצים וחללוה, נפקעה קדושת השמן לחולין ושפיר יכולין לטמאותה. אך לפי זה קשה להיפוך דגם הפך שמן שמצאו נטמא ביוצא, איך הדליקו ממנו. וצריכין לומר דפך שמן זה לא היה מהקדש, אלא שמנו הפרטי של הכהן גדול, ולא נפסל ביוצא, כי זה היה שמן חולין. אמנם הרי דעת הרמב"ם דכל חולין אסור להכניסן לעזרה. אך במדרשים מבואר שהפך שמן מצאוה מונח תחת המזבח בהשיתין, והיו יכולין להכניסה כי עדיין לא נתקדש אז הבית.

והנה עדיין קשה קושיית התוספות, אולי הסיטו אותו העכו"ם ונטמא השמן שמצאו. ויש לומר על פי מה שאמרו בגמרא (סוטה מט.) טהרה [שפסקה מישראל] בטלה טעם הפירות וריחם. ובגמרא (סנהדרין צג:) מלך

המשיח מורח ודאין. הרי לנו גודל כח הטהרה, שזה נרגש בטעם וריח. ומעתה יש לומר שבשעה שפתחו הפך שמן יצא ממנה ריח טוב מאד, הרבה יותר מריח שאר שמנים, והכהנים הקדושים שרוח טהרה היתה בהם, הריחו ממנה ריח נפלא, וזה היה לסימן שרוח טהרה יש בתוכה, כי טומאה נוטלת הריח והטעם, ובשמן זה ניתוספה ריח טוב, וזהו הדודאים נתנו ריח זהו נר חנוכה, שניתנו ריח טוב.

**רבינו שליט"א** המשיך, שבזה יובן שיחת קודש של תלמידי חכמים הצריכין לימוד, שסיפר לי הרבני החסיד מו"ה אברהם שמעון רייך ז"ל שהיה משמש בקודש אצל **הרה"ק מוהר"א מבעלזא זי"ע** בהיותו בפעסט בימי המלחמה. ופעם בא רבו **הרה"ק בעל דברי יואל מסאטמאר זי"ע** לעיר נייפעסט, וצוה לו מרן מבעלזא זי"ע שילך לשבות את השבת בצל רבו, וביקש ממנו למסור לו פריסת שלום, ויאמר לו שהוא מברכו 'שהמאכלי שבת יהיו מבושמים אצלו'. ונהנה מרן מסאטמאר זי"ע מתוכן הברכה. והענין הוא כי בשבת יורדת למטה כח קדושה, ויברך אלקים את יום השביעי ויקדש אותו (בראשית ב-ג), והזוכה להשיג קדושתה וטהרתה, אזי המאכלי שבת מריחין ומוטעמים במדה גדושה, וזהו עומק הברכה שהמאכלי שבת יהיו מבוסמים. ושורש הדברים מצינו בגמרא (שבת קיט.) דאמר ליה קיסר לרבי יהושע בן חנניא מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף, אמר לו תבלין אחד יש לנו ושבת שמו, שאנו מטילין לתוכו וריחו נודף. אמר לו תן לנו הימנו. אמר לו כל המשמר את השבת מועיל לו, ושאינו משמר את השבת אינו מועיל לו ע"כ.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל הבר מצוה של בן הרב **הערשל פאללאק** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד בראשוב שליט"א), שהתקיים בבית המדרש בראשוב.

*

***<u>שבת קודש פרשת מקץ</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** דומ"ץ סאמבאטהעלי.

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם להבת הנולדה אצל הר"ר **אלי שיין** הי"ו. כמו כן התקיימה שמחת עליה לתורה של בן הר"ר **יעקב פרץ הילמאן** הי"ו. אחר התפלה התקיימה קידושא רבא לכבוד השמחות.